**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/24/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול באשטימט טאניא וועבסטער אלץ ניו יארק סטעיט'ס ערשטע טשיעף קאסטומער ערפארונג אפיציר

***וועבסטער ברענגט איבער צוואנציג יאר פון איבערגעארבעטע ארבעט אין פריוואטע באפעלקערונג צו די שטעלע***

***CXO וועט שפילן א גרויסע ראלע אין גאווערנער'ס אלגעמיינע פלאן צו פארבעסערן צוטריט צו סטעיט סערוויסעס און מאכן רעגירונג ארבעטן בעסער פאר אלע ניו יארקער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט דאס אויפנעמונג פון טאניא וועבסטער צו דינען אלץ ניו יארק סטעיט'ס ערשטע טשיעף קאסטומער ערפארונג אפיציר. אין די שטעלע, וועט וועבסטער ארבעטן דירעקט מיט סטעיט אגענטורן צו אנפירן א קאסטומער-געווידמעטע קולטור און איבערארבעטן די וועג וואס ניו יארקער איינוואוינער באקומען צוטריט צו סערוויסעס און בענעפיטן פונעם סטעיט. דאס עפענונג פון די וויכטיגע שטעלע איז ערשט אנאנסירט געווארן אין די גאווערנער'ס 2023 'סטעיט אוו די סטעיט' רעדע און איז טייל פון אן אלגעמיינע פלאן צו מאכן רעגירונג ארבעטן בעסער פאר אלע ניו יארקער. וועבסטער איז די ערשטע רעגירונג-אויפגענומענע טשיעף קאסטומער ערפארונג אפיציר אין די לאנד.

"באקומען א סערוויס אדער בענעפיט פון א רעגירונג אגענטור מוז נישט זיין שווער, ווייטאגליך אדער שאפן אנגעצויגנקייט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט טאניא וועבסטער אויפגענומען צו פירן די פלאן, בין איך זיכער אז ניו יארק וועט אוועקשטעלן די סטאנדארט ווען עס קומט צו פארמינערן ווייטאגליכע פונקטן, פארמערן געשיקטקייט, און געבן פריאריטעט פאר'ן קאסטומער. מיט א נייע בליק איוף קאסטומער ערפארונג, וועלן מיר ווייזן פאר די גאנצע לאנד וואס רעגירונג קען טון."

די טשיעף קאסטומער ערפארונג אפיציר (CXO) איז פאראנטווארטליך צו פארבעסערן וויאזוי איינוואוינער באציען זיך מיט די ניו יארק סטעיט רעגירונג. זי וועט ארבעטן אינאיינעם מיט סטעיט אגענטורן צו פארזיכערן אז די ערפארונג פון איינוואוינער איז ביים צענטער פון די סערוויסעס וועלכע מען געבט פאר די פובליק.

וועבסטער וועט אנטוויקלען און פירן דאס איינפירונג פון א סטעיט-ברייטע קאסטומער ערפארונג פלאן; ארבעטן אינאיינעם מיט אגענטור פירערס צו אידענטיפיצירן פראצעדור פארבעסערונגען און אוועקשטעלן לאגישע אינפארמאציע-באזירטע צילן; פארברייטערן די סטעיט'ס מעגליכקייט פון מענטשן-געווידמעטע אויסשטעל דורך פארברייטערן זייער גרופע פון באנוצער נאכפארשער, דעזיינערס און דיגיטאלע פראפעסיאנאלן; און פארזיכערן אז קאסטומער ערפארונג פרינציפן ווערן אריינגעלייגט אין די סטעיט'ס טעכנאלאגיע וועגווייזער.

וועבסטער'ס אויפנעמונג בויעט אויף א צאל אנגייענדע איניציאטיוון געווידמעט ארום קאסטומער ערפארונג אין ניו יארק סטעיט רעגירונג, אריינרעכנענדיג פארבעסערן די איינשרייבונג און איינקויף ערפארונג פאר די ספעציעלע צוגעקומענע ערנערונג פראגראם פאר פרויען, קינדער און בעיביס (WIC); פארשנעלערן און פארבעסערן צוטריט צו וויכטיגע שטייער קרעדיטס, אריינרעכנענדיג א נייע אומזיסטע שטייער פיילינג געצייג פאר בארעכטיגטע ניו יארקער; פארברייטערן צוטריט צו טשיילד קעיר הילף; פארשנעלערן דאס אנהויב פון בעסערע קאמיוניקאציע פלאטפארמעס געמאכט צו פארגרינגערן און פארשנעלערן די קאמיוניקאציע מיט סטעיט אגענטורן; און פארברייטערן די סטעיט'ס גרופעס פון באנוצער נאכפארשער, דעזיינערס און דיגיטאלע פראפעסיאנאלן צו פארזיכערן אז אנליין טראנזאקשינס זענען פריינטליך פאר באנוצער, פארשטענדליך, צוגענגליך און באדייטנד סערווירנד פאר ניו יארקער.

וועבסטער האט איבער 20 יאר פון ערפארונג מיט פירן קאסטומער ערפארונג איבערארבעט אין די פריוואטע באפעלקערונג. לעצטנס, האט זי געדינט אלץ סעניאר וויצע פרעזידענט פון סערוויסעס פאר בלוי קראס בלוי שילד פון מאסאטשוסעטס און די געוועזענע CXO פאר די העלט פלאן. איידער איר ראלע מיט בלוי קראס בלוי שילד, איז טאניא געווען די וויצע פרעזידענט פון קאסטומער ערפארונג פאר קאמקעסט NBC/יוניווערסעל, וואו זי האט דראמאטיש פארבעסערט קאסטומער צופרידנהייט און סערוויס. וועבסטער וועט באריכטן פאר קעטהערין גארסיע, די דירעקטארין פון סטעיט אפעראציעס און אינפראסטרוקטור.

**ניו יארק סטעיט טשיעף קאסטומער ערפארונג אפיציר טאניא וועבסטער האט געזאגט,** "איז איז א כבוד און געווינס צו דינען אלץ ניו יארק סטעיט'ס ערשטע טשיעף קאסטומער ערפארונג אפיציר, און איך קוק ארויס צו נוצן מיינע טאלאנטן צו העלפן מאכן די רעגירונג נאכמער צוגענגליך פאר איינוואוינער און זייערע פאמיליעס. גאווערנער האקול האט געטון ריכטיג מיט מאכן דאס פארבעסערן די קאסטומער ערפארונג א פריאריטעט אין ניו יארק, און איך ווייס אז מיט ארבעטן צוזאמען קענען מיר אוועקנעמען שטרויכלונגען און שאפן פארבינדונגען מיט רעגירונג אגענטורן וועלכע זענען שנעלער, גרינגער און מער צוגענגליך פאר אלע."

**ניו יארק סטעיט טשיעף אינפארמאציע אפיציר דרו בעי האט געזאגט,** "אלץ באדינער פונען פובליק, אנערקענען מיר אז די מענטשן פון ניו יארק מוזן זיין ביים צענטער פון אלעס וואס מיר טוען. גאווערנער האקול'ס איניציאטיוו שטרייכט אונטער די נויט צו אפגרעיד'ען די סיסטעמען און פארמינערן די פראבלעמען צו מאכן זיכער אז ניו יארקער קענען גרינגערהייט און פארזיכערטערהייט באקומען צוטריט צו די קריטישע סערוויסעס וואס זיי דארפן און וואס קומט זיך זיי. די פאיס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס וועט ארבעטן נאנט צוזאמען מיט די סטעיט'ס נייע CXO צו שאפן א קאסטומער-פריינטליכע צוגאנג לענגאויס סטעיט רעגירונג און עפענען מער באנוצער-פריינטליכע, צוגענגליכע און גרינגע פראצעדורן, סטאנדארטן און דיגיטאלע פלאטפארמעס."

**ווייסע הויז אפיס פון פארוואלטונג און בודזשעט דעפיוטי דירעקטאר פאר פארוואלטונג דזשעיסאן מיללער האט געזאגט,** "פונעם ערשטן טאג, האט דיביידען אדמיניסטראציע געלייגט א פריאריטעט אויף קאסטומער-געווידמענטע סערוויס דעליווערי ביים צענטער פון אלעס וואס מיר טוען. גאווערנער האקול'ס אויפנעמונג פון א טשיעף קאסטומער ערפארונג אפיציר צייגט א פארפליכטונג צו פארזיכערן אז רעגירונג סערוויסעס זענען געמאכט צו לייגן די געברויכן פון די מענטשן צום ערשט. איז עס גארנישט דא נישט גוט פון מאכן רעגירונג שנעלער און מער אפעקטיוו מיט דינען די פובליק, און סטעיטס זענען אויפ'ן שפיץ פון פארבעסערן פובליק סערוויס דעליווערי יעדן טאג. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן אינאיינעם מיט ניו יארק'ס אפיס פון קאסטומער ערפארונג, און אלע סטעיטס, אינעם צייט וואס מיר ארבעטן צו ברענגען רעזולטאטן פאר אלע אמעריקאנער."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן